# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:02
מוצאי שב"ק...................9:33

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............דברי הימים-ב' ג'-ד'
בבלי.......................כתובות י"ז
ירושלמי...........סנהדרין ט"ו
תוספתא...............מכשירין א'
רמב"ם.........................גניבה ו'

פרשת פנחס, כ"ד תמוז, מברכים חודש אב, אבות פרק א', שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 47 (562)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה, אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבֹא לִפְנֵיהֶם. דֶער בַּעַל הַטוּרִים בְּרֶענְגְט אַ מְסוֹרָה, "וַאֲשֶׁר יָבֹא לִפְנֵיהֶם", אוּן נָאךְ אַ פָּסוּק "וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים", דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁייכוּת פוּן דִי צְוֵויי פְּסוּקִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ס"ח) אַז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק אִיז וֶוען עֶר קֶען וַוייזְן פַארְ'ן גְרֶעסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן פַארְקֶערְט קֶען עֶר אוֹיךְ וַוייזְן פַארְ'ן נִידֶערִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אוֹיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ.

דֶער צַדִיק דַארְף הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה, אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְחַזֵק זַיין אַז עֶר אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶר קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער. דָאס קֶען נָאר אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק טוּן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י"ח) אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ זָאגְן תּוֹרָה, וַוייל מֶען קֶען הַרְגְ'נֶען מֶענְטְשְׁן מִיט דִי תּוֹרָה וָואס מֶען זָאגְט. דָאס מֵיינְט אַז אוֹיבּ זָאגְט מֶען דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע זַאךְ פַארְ'ן נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, הָאט מֶען גֶע'הַרְגְ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ.

דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שְׁטֶעלְן אַזַא מַנְהִיג, אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבֹא לִפְנֵיהֶם, אַמָאל דַארְף עֶר מְחַזֵק זַיין, אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי אִידְן וָואס מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אַמָאל דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אֵיינֶעם אַז עֶר קֶען נָאךְ מֶער טוּן.

אוּן דָאס שְׁטֶעלְט צוּ דִי מְסוֹרָה דֶעם פָּסוּק, וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים, וָואס דֶער פָּסוּק רֶעדְט דָארְט פוּן אֵיינֶעם וָואס הַרְגְ'ט בְּשׁוֹגֵג, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן מוּסָר פַאר מֶענְטְשְׁן, וַוייל מֶען קֶען מִיט דֶעם הַרְגְ'עֶנֶען מֶענְטְשְׁן, נָאר אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק קֶען דָאס טוּן.

מְ'דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מְ'זָאגְט מוּסָר פַאר אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, וַוייל אַסַאךְ מָאל קֶען עֶס מֶער שָׁאדְן מַאכְן וִוי אוֹיפְטוּן, אַנְשְׁטָאט אַז יֶענֶער זָאל זִיךְ יֶעצְט נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן אָנְהוֹיבְּן וֶוערְן מֶער וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, אִיז שְׁטַארְק מֶעגְלִיךְ אַז עֶר וֶועט וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, אוּן עֶר וֶועט טוּן נָאךְ וֵוייניגֶער פוּן וָואס עֶר הָאט שׁוֹין יָא גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט.

וֶוען אַ צַדִיק גֶעבְּט מוּסָר פַאר אַ מֶענְטְשׁ, טוּט עֶר עֶס אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, עֶר אִיז מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ אוּן וַוארְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס זֵיי טוּעֶן, אוּן דָאס הֶעלְפְּט דִי מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן טַאקֶע אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער אוּן וֶוערְן אֱמֶת'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן.

לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן טְרֶעפְן דֶעם אֱמֶת'ן צַדִיק, וָואס וֵוייסְט וִוי אַזוֹי אוּנְז צוּ גֶעבְּן מוּסָר אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וָואס קֶען אוּנְז מְחַזֵק זַיין אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועלְן מִיר זִיכֶער וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הנחל פנחס תשס"ה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### וואוּ קוּקְסְטוּ?

עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם, "עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַן אֵבֶר אִינֶעם מֶענְטְשׁ וָואס קֶען אִים אַזוֹי פִּירְן צוּ אַ דוּרְכְפַאל, וִוי דִי אוֹיגְן", דִי אוֹיגְן זֶענֶען זֵייעֶר הַאקֶל, מִיט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק קֶען דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ אַלֵיין בַּאגְרָאבְּן, עֶר קֶען אַרָאפְּפַאלְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן זַיין אַ טָאטַאלֶער דוּרְכְפַאל, אוּן פַארְקֶערְט אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן, קֶען מֶען גָאר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס וָואס מִיר זֶעעֶן אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז פַּאקְטִישׁ נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, עֶר גֶעבְּט לֶעבְּן פַאר יֶעדֶע זַאךְ, אוּן עֶר מַאכְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט אַלֶעס וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין אִיר.

אוֹיבּ וָואלְטְן מִיר אָבֶּער דָאס גֶעזֶען גְלַייךְ אָפְן מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, וָואלְט דִי וֶועלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטֵיין אוּן אָנְגֵיין, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ מְצַמְצֵם גֶעוֶוען כִּבְיָכוֹל אִין דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מִיר זֶעעֶן פַאר דִי אוֹיגְן, עֶר הָאט זִיךְ אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט וִוי

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ וֶועל עֶנְק שְׁרַייבְּן וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט נֶעכְטְן בַּיים לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר.

דָאס עֶרְשְׁטֶע הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ, טו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כב, לד): "וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל מַלְאַךְ ה' חָטָאתִי", בִּלְעָם הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער מַלְאָךְ שְׁטֵייט מִיטְ'ן שְׁוֶוערְד הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעזָאגְט: "חָטָאתִי", זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: "שֶׁהָיָה רָשָׁע עָרוּם", בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען אַ קְלוּגֶער רָשָׁע, "וְיוֹדֵעַ שֶׁאֵין עוֹמֵד מִפְּנֵי הַפֻּרְעָנוּת אֶלָּא תְּשׁוּבָה", עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס הַאלְט אָפּ אַ שְׁטְרָאף - אִיז תְּשׁוּבָה, "שֶׁכָּל מִי שֶׁחוֹטֵא וְאוֹמֵר חָטָאתִי", וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעזִינְדִיגְט זָאגְט חָטָאתִי, עֶר טוּט תְּשׁוּבָה - "אֵין רְשׁוּת לַמַּלְאָךְ לִגַּע בּוֹ", קֶען קַיין מַלְאָךְ אִים נִישְׁט אָנְרִירְן; וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם מַלְאָךְ קוּמְט צוּ אִים מִיטְ'ן שְׁוֶוערְד - הָאט עֶר גְלַייךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּנֶעם שְׁטְרָאף.

דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע חִיזוּק, וֶוען מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי שְׁלֶעכְט, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי דֶערְוַוייטֶערְט - זָאל מֶען זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אִיךְ בֶּעט דִיר זַיי מִיר מוֹחֵל"; דִי פָּאר וֶוערְטֶער נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בָּלָק תשפ"ב)



דער מולד וועט זיין: דאנערשטאג נאכמיטאג 32 מינוט און 4 חלקים נאך 7 | ראש חודש מנחם אב יהיה ביום השישי

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# פַּארְוָואס רֶעדְן אוֹיף עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן נִישְׁט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵייעֶנְט אַ שַׁארְפֶע בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶעגְן עֶלְטֶערְן וָואס אַיילְן זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן אַ שִׁידוּךְ מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט דָארְט, "פִּלְאֵי פְּלָאִים! אַלֶעס טוּט מֶען, אַלֶעס מַאכְט מֶען, אָבֶּער וֶוען דָאס קִינְד בֶּעט דִי עֶלְטֶערְן: "אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן", "אִיךְ וִויל אַ שִׁידוּךְ" - נֶעמְט מֶען אַרוֹיס פוּן שַׁאנְק אַ שֵׁיינֶע הֶעכֶערֶע סָארְט וָוארְט אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן זָאגְן: "עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט", "עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט בַּאשֶׁערְט", "עֶס וֶועט קוּמֶען דִי בַּאשֶׁערְטֶע מִינוּט". אַלֶעס בִּיז אַהִין טוּט מֶען אוּן מֶען מַאכְט, אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט גֵייט אָן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן בַּאשֶׁערְט; אַז מֶען מַאכְט אַ טָעוּת, מֶען פַארְשְׁפֶּעטִיגְט דִי צַייט - שְׁרֵייט מֶען, אַז מֶען הָאט עֶפֶּעס אוֹיסְגֶעגָאסְן - כַאפְּט מֶען קוֹלוֹת; נִישְׁט קַיין בַּאשֶׁערְט, נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, אוּן וִוי נָאר דָאס קִינְד בֶּעט: "אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן", "אִיךְ וִויל זַיין רֵיין", "אִיךְ וִויל בּוֹיעֶן מַיין שְׁטוּבּ" - הוֹיבְּט מֶען אָן זִינְגֶען דִי נִיגוּן פוּן בַּאשֶׁערְט".

אוּן אִיךְ וִויל פַארְשְׁטֵיין, וִוי נֶעמְט מֶען דִי חוּצְפָּה צוּ טְרִינְקֶען בְּלוּט פוּן עֶלְטֶערְן צוּלִיבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער?! אוֹיבּ אִין דֶעם סְפֶּעצִיפִישְׁן פַאל וֵוייסְט אִיר אֶפְשָׁר אַז דָאס אִיז דִי מַעֲשֶׂה, וִוי אַזוֹי וֵוייסְט אִיר אָבֶּער וָואס טוּט זִיךְ בַּיי אַנְדֶערֶע, אַז אִיר קֶענְט דָאס שְׁרַייבְּן פַאר יֶעדְן?

וִויפִיל עֶלְטֶערְן לָאזְן יֶעדְן טָאג טְרֶערְן וֶועגְן שִׁידוּכִים פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. וֶועט אִיר זָאגְן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ צוּ שְׁטַארְק? זֵיי מֶעגְן מְחוּלָק זַיין מִיט אַייךְ, זֵיי מֵיינֶען נָאךְ אַזוֹי שְׁטַארְק דִי טוֹבָה פוּן זֵייעֶר קִינְד וִוי אַייךְ, אֶפְשָׁר הַאלְטְן זֵיי אַז מֶען דַארְף יָא וַוארְטְן אַבִּיסְל צוּ טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ בֶּעסֶערֶע שִׁידוּךְ פַאר זֵייעֶר קִינְד.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם ה' פַּרְשַׁת בָּלָק, ט"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיט מִיר קֶענְסְטוּ מְחוּלָק זַיין, אָבֶּער מִיט דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל קֶען קֵיינֶער נִישְׁט מְחוּלָק זַיין; זָאל מֶען זַיין וִוי גְרוֹיס מֶען זָאל נָאר זַיין.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחִית דַּרְגָּא", גֵיי אַרָאפּ אַ שְׁטַאפְּל, "נְסֹב אִיתְּתָא", אוּן הָאבּ חֲתוּנָה; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן, מֶען דַארְף אַרָאפְּגֵיין אַ מַדְרֵיגָה אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן; וִוי מֶעג מֶען לָאזְן קִינְדֶער וַוארְטְן אוּן וַוארְטְן פַאר פַארְשְׁטוּנְקֶענֶע כָּבוֹד הַמְּדוּמֶּה?!

**עַל פִּי רוֹב טוּט מֶען נִישְׁט קַיין שִׁידוּכִים מִיט דִי קִינְדֶער נָאר צוּלִיבּ כָּבוֹד, יִחוּס; מֶען זוּכְט אַ שִׁידוּךְ זָאל פַּאסְן, אַ מְיוּחָס'דִיגֶע זַאךְ, אַ מִשְׁפָּחָה מִיט אַ אוֹיסְרוּפְלִיכֶע נָאמֶען, אַ מִשְׁפָּחָה וָואס וֶועט בְּרֶענְגֶען כָּבוֹד; פְּרֶעג אִיךְ דִיר, וֶועגְן אַבִּיסְל גַאֲוָה מֶעג מֶען מְעַגֵן זַיין דִי זִין אוּן טֶעכְטֶער? דָאס הֵייסְט רַחֲמָנוּת'דִיגֶע עֶלְטֶערְן? צוּ לָאזְן דִי קִינְדֶער פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן פַאר פַארְשְׁטִינְקֶענֶע כָּבוֹד? דָאס אִיז רַחֲמָנוּת?!**

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי עֶלְטֶערְן וָואס הַאלְטְן אָפּ שִׁידוּכִים פַאר דִי קִינְדֶער - אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (אֵיכָה ד, י): "יְדֵי נָשִׁים רַחֲמָנִיּוֹת" דִי רַחֲמָנוּת'דִיגֶע מַאמֶעס, "בִּשְּׁלוּ יַלְדֵיהֶן" הָאבְּן אָפְּגֶעקָאכְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, גֶע'הַרְגֶ'ט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; דִי קִינְדֶער פַאלְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹיפִיל קִינְדֶער גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה - נָאר צוּלִיבּ דֶעם; זֵיי וִוילְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן מֶען לָאזְט זֵיי נִישְׁט, מֶען שְׁטֶעלְט אַ פָּנִים וִוי מֶען מֵיינְט זֵייעֶר גוּטְס; דָאס אִיז אַכְזָרִיּוּת - נִישְׁט קַיין רַחֲמָנוּת.

עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס וִוילְן נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן קַיין שִׁידוּכִים מִיטְ'ן אוֹיסְרֵייד: **"מִיר הָאבְּן פָּשׁוּט רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְזֶער זוּן, אוֹיף אוּנְזֶער טָאכְטֶער; פַּארְוָואס זָאלְן זֵיי אַזוֹי יוּנְג חֲתוּנָה הָאבְּן?" דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן: "עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן זֵיי בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ פַאר נָאךְ אַפָּאר יָאר; מִיר וִוילְן זֵייעֶר גוּטְס, מִיר מֵיינֶען זֵייעֶר טוֹבָה"; דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, דָאס אִיז אַ**

<<<<<<



דֶעם דוֹמֵם, דֶער צוֹמֵחַ, דֶער חַי, אוּן דֶער מְדַבֵּר.

פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן זֶעט זִיךְ אוֹיס וִוי עֶס דְרֵייט זִיךְ אַ גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶס דָא אַזוֹיפִיל סָארְט פַארְשִׁידְנַארְטִיגֶע הֶעלְצֶער אוּן שְׁטֵיינֶער, בֵּיימֶער אוּן גֶעוואוּקְסְן, חַיּוֹת אוּן בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן, אוּן מֶענְטְשְׁן פוּן אַלֶע סָארְט; דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען אָבֶּער נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין וָואס בַּאהַאלְט זִיךְ אִין זֵיי, עֶר אַלֵיין טוּט אַלֶעס אוּן פִירְט אַלֶעס אָן דֶעם וָואס אַ צְוֵוייטֶער זָאל זִיךְ קֶענֶען אַרַיינְמִישְׁן.

דִי גְרֶעסְטֶע שְׁלֵימוּת צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דִי וֶועג מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד הֵיילִיגְט זִיךְ זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר קוּקְט נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר זֶעט פַאר דִי אוֹיגְן, קוּקְט עֶר אוֹיף דִי חִיּוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִין דִי זַאךְ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אָבֶּער נֶעבֶּעךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הוֹיבְּט עֶר אָן לָאזְן זַיינֶע אוֹיגְן אוֹיף הֶפְקֵר, עֶר קוּקְט אוֹיף זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ זַיין גְרֶעסְטֶע דוּרְכְפַאל. אַלֶעס הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי אוֹיגְן, וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן קוּקְן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, בְּרֶענְגְט אִים שׁוֹין דָאס צוּ דִי הַארְבְּסְטֶע אוּן שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דָאס דֶערְבִּיטֶערְט אִים דָאס לֶעבְּן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין סִיפּוּק אִין לֶעבְּן, אוּן אַלֶעס גֵייט אִים שְׁוֶוער, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר וִויל טוּן עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט אַ דוּרְכְפַאל.

אַזוֹי וַוייט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן אַז חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא נ"ז:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ל"ג, ט"ו) "וְעוֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע, זֶה שֶׁאֵינוֹ מִסְתַּכֵּל בְּנָשִׁים בְּשָׁעָה שֶׁעוֹמְדוֹת עַל הַכְּבִיסָה", דֶער פָּסוּק לוֹיבְּט אוֹיס דֶעם וָואס קוּקְט נִישְׁט אוֹיף פְרוֹיעֶן אִין דִי צַייט וָואס זֵיי וַואשְׁן וֶועשׁ, וָואס דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אוֹיף זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת י"ב:) "אַחֲרֵי עֵינֵיכֶם - זֶה הִרְהוּר עֲבֵירָה", אַלֶע עֲבֵירוֹת הוֹיבְּן זִיךְ אָן בַּיי דִי אוֹיגְן, וַוייל דִי אוֹיג זֶעט, דִי הַארְץ גְלוּסְט, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם צוּ אַז מֶען זָאל טוּן עֲבֵירוֹת (עַיֵּין טוּר אוֹרַח חַיִּים סִימָן א').

חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מ"ה.) "אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דֶער יֵצֶר הָרָע נִישְׁט קֶען אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, נָאר נָאכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. דֶער עִיקָר כֹּחַ וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אִיבֶּער אַ מֶענְטְשׁ, אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. אֵיינְמָאל דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִינֶעם נֶעץ וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט פַאר אִים צוּ קוּקְן שְׁמוּץ, דַאן הָאט אִים שׁוֹין דֶער יֵצֶר הָרָע בַּיי זִיךְ אִין טַאשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ שׁוֹין קֵייקְלֶען וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, עֶר וֶועט אַרַיינְפַאלְן אִין בִּיטֶערֶע אוּן הַארְבֶּע שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ"ל (בְּמִדְבַּר רַבָּה, פַּרְשָׁה י', סִימָן ו'): "מָה רָאָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִשְׁאֹל מִיִּשְׂרָאֵל הַלֵּב וְהָעֵינַיִם שֶׁיִּהְיוּ אַחֲרָיו, לְפִי שֶׁהָעֲבֵרָה תְּלוּיָה בָּהֶם, עֵינָא וְלִבָּא תְּרֵי סַרְסוּרֵי דְּחַטָּאָה אִינוּן, הָעֵינַיִם רוֹאוֹת אֶת הַזּוֹנָה, וְהַלֵּב מְהַרְהֵר אַחֲרֶיהָ", פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבֶּעטְן פוּן דִי אִידְן אַז זֵיי זָאלְן אִים גֶעבְּן דִי אוֹיגְן מִיט דִי הַארְץ? וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין זֵיי, דִי אוֹיגְן זֶעעֶן דִי עֲבֵירוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ טְרַאכְט דִי הַארְץ דֶערְפוּן".

דֶער חָכָם הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אוֹיבּ דַיינֶע פִּיס בְּרֶעכְן אוּנְטֶער, אִיז דָאס דִי שׁוּלְד פוּן דַיינֶע אוֹיגְן", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז אַלֶעס גֵייט אִים מִיטְ'ן לִינְקֶען פוּס, וָואס עֶר פְּרוּבִּירְט נָאר צוּ טוּן אַרְבֶּעט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס, אוּן אֲפִילוּ עֶס אַרְבֶּעט זִיךְ יָא אוֹיס, בַּאקוּמְט עֶר אָבֶּער קֵיינְמָאל נִישְׁט קַיין אֱמֶת'ע סִיפּוּק דֶערְפוּן, זַיין הַארְץ אִיז אִים נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, עֶר אִיז אַלְץ דֶערְבִּיטֶערְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, גָארְנִישְׁט מַאכְט אִים פְרֵיילִיךְ, אִיז זֵייעֶר

<<<<<<

מֶעגְלִיךְ אַז דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס עֶר הִיט נִישְׁט זַיין אוֹיגְן.

דֶערִיבֶּער הָאט דֶער חָכָם גֶעזָאגְט, "פוּן נִישְׁט קוּקְן, וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן", וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט קוּקְן, עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ קוּקְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, עֶר נֶעמְט זִיךְ גוּט אַרַיין אִין קָאפּ אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט יֶעדֶע זַאךְ, אוּן עֶר בֶּענְקְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט דוּרְכְפַאלְן בְּרוּחְנִיוּת, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט בְּגַשְׁמִיוּת; עֶר וֶועט זַיין אַן אֶמֶת'ער עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע זַיינֶע וֶועגְן אוֹיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר וֶועט הָאבְּן אַן אֶמֶת'עֶ שִׂמְחַת הַחַיִּים, עֶר וֶועט זַיין צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ אַלֵיין, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיפְ'ן הַארְץ.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ מַאֲמַר הֶחָכָם, "אַז דִי אוֹיגְן זֶענֶען בְּלִינְד, קֶען עֶס נִישְׁט זֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט", אַז דִי אוֹיגְן קוּקְן אוֹיף עֲבֵירוֹת, וֶוערְן זֵיי בְּלִינְד, אוּן דַאן קֶענֶען זֵיי שׁוֹין נִישְׁט זֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט אִין לֶעבְּן, דָאס לֶעבְּן זֶעט אוֹיס שְׁוַוארְץ אוּן טוּנְקְל.

אַז מִיר וֶועלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע טֵייעֶרֶע אוֹיגְן, קוּקְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף נַארִישְׁקֵייטְן אוּן עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, וֶועט דָאס אִים בְּרֶענְגֶען דִי גְרֶעסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

(קוּנְטְרֵס זַיי מַצְלִיחַ)

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קמה)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ אִין שְׁטָאט וָואלְטְשִׁיסְק, צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער מִרְיָם**

**תקכח**

בַּיי דִי מִצְוָה טַאנְץ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט טַאנְצְן מִיט זַיין טָאכְטֶער, דִי כַּלָה מִרְיָם, אָבֶּער אִיר שְׁוֶוער הָאט אִיר נִישְׁט גֶעלָאזְט טַאנְצְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דֶעם אַ שְׁטִיקְל בִּזָּיוֹן פַארְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

[עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז שְׁפֶּעטֶער, וֶוען דִי פָּארְפָאלְק אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז אִיר מַאן נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן זִי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט זַיין בְּרוּדֶער, אָבֶּער זִי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער אִיר גַאנְץ לֶעבְּן.

רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס עֶרְקְלֶערְט לוֹיט דִי תּוֹרָה "עַתִּיקָא" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"א), וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז מִרְיָם הַנְּבִיאָה וָואס הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דִי כָּבוֹד פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אִיז אִיר שְׁטְרָאף גֶעוֶוען אַז אִיז נִתְיַבֵּם גֶעוָוארְן אוּן זִי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, וִוי מֶען קֶען זֶען אִינֶעוֵוייניג אִין דִי תּוֹרָה].

**תקכט**

נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן רֶבִּי נָתָן אַז עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן אוּן מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, עֶר זָאל עֶס אָבֶּער נָאכְנִישְׁט אַרָאפְּשְׁרַייבְּן, "אַן אַנְדֶערְס מָאל וֶועל אִיךְ דִיר הֵייסְן שְׁרַייבְּן" – הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט.

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעהֵייסְן פַאר רֶבִּי נָתָן, אוּן פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדֶע נַאכְט תִּיקוּן חֲצוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז זֵיי זָאלְן טְרַאכְטְן תּוֹרָה, פְּרוּבִּירְן מְחַדֵּשׁ צוּ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס טְרַאכְטְן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אִיז אַ גְרוֹיסֶער תִּיקוּן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע הִרְהוּרִים וָואס מֶען הָאט גֶעטְרַאכְט. וַוייל אַלֶע הִרְהוּרִים קוּמֶען פוּנֶעם כֹּחַ הַמְדַמֶּה, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ עֶפֶּעס אִין דִי תּוֹרָה, וָואס דָאס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן מְדַמֶּה מִילְתָא לְמִילְתָא, מֶען פַארְגְלַייכְט אֵיין זַאךְ צוּם אַנְדֶערְן, דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען מְתַקֵּן דֶער פְּגַם פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע הִרְהוּרִים וָואס קוּמְט דוּרְכְ'ן כֹּחַ הַמְדַמֶּה (זֶע לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ק"ה).

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"



גְרוֹיסֶע טָעוּת; וָואלְט מֶען בֶּאֱמֶת רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִי קִינְדֶער – וָואלְט מֶען זֵיי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט יוּנְג, דִי עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט, אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ וִוי מֶען וֵוייסְט נִישְׁט – וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ; עֶס אִיז דָאךְ אַ פַּחַד, אַ שְׁרֶעק – וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס פְלַאקֶערְט אַ פֵייעֶר פוּן שְׁמוּץ, בְּנֵי הַנְּעוּרִים פַאלְן נֶעבֶּעךְ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען אִיז נָאר דוּרְךְ זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן; דָאס אִיז רַחֲמָנוּת, דָאס אִיז לִיבְּשַׁאפְט; לָאזְן וַוארְטְן דִי קִינְדֶער, זִיךְ וֶועלְן – דָאס אִיז רִשְׁעוּת!

וִוי קֶען מֶען זַיין קְלוּגֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וָואס זָאגְן (סַנְהֶדְרִין עו:): "הַמַּדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה", דֶער וָואס פִירְט זַיין שְׁטוּב, דִי זִין אוּן טֶעכְטֶער – אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, "וְהַמַּשִּׂיאָן סָמוּךְ לְפִרְקָן", אוּן עֶר מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה יוּנְג, "עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר", אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט דֶער פָּסוּק (אִיּוֹב ה, כד): "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ"; בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע טֶעג וָואס מֶען לַיידְט זִיךְ צַאם אַזוֹיפִיל פוּן דִי יוּגְנְט, דָאס קוּמְט נָאר פוּן דֶעם וַוייל מֶען מַאכְט זֵיי נִישְׁט חֲתוּנָה יוּנְגֶערְהֵייט, וֶוער רֶעדְט נָאךְ בַּיי טֶעכְטֶער, דָארְט זָאגְן דָאךְ דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים קְלָאר (פְּסָחִים קיג.): "בִּתְּךָ בָּגְרָה", וֶוען דַיין טָאכְטֶער וֶוערְט צְוֶועלְף יָאר, "שַׁחְרֵר עַבְדְּךָ", בַּאפְרֵיי דַיין קְנֶעכְט, "וְתֵן לָהּ", אוּן מַאךְ אִיר חֲתוּנָה מִיט אִים, אַז זִי זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת.

וִוי מֶעג מֶען אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ? וִוי מֶעג מֶען אָפְּהַאלְטְן אַ שִׁידוּךְ? וִוי מֶעגְן עֶלְטֶערְן זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן וֶוען עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אָן קַיין אֵיין חוֹלֵק (רַמָ"א בְּיוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סָעִיף כה): "וְכֵן אִם הָאָב מוֹחֶה בַּבֵּן לִשָּׂא אֵיזוֹ אִשָּׁה שֶׁיַּחְפֹּץ בָּהּ הַבֵּן, אֵין צָרִיךְ לִשְׁמֹעַ אֶל הָאָב", עֶלְטֶערְן קֶענֶען נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן דֶעם קִינְד פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן; דֶער קִינְד קֶען מַאכְן דִי שִׁידוּךְ אֲפִילוּ זֵיי וִוילְן נִישְׁט, אוּן זִיכֶער אוֹיבּ עֶר פַאלְט אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיז עֶר מְחוּיָּב חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן; דָאס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אָן קַיין אֵיין חוֹלֵק.

וֶוער עֶס זֶעט וָואס גֵייט פָאר הַיינְטִיגֶע טֶעג מִיט דִי יוּגְנְט – שְׁטֵייט פַארְלוֹירְן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, דִי אַלֶע אֲסוּפוֹת הֶעלְפְט נִישְׁט; עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נִיצְן, אֵיין עֵצָה אִיז דָא, נָאר אֵיין עֵצָה: "חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְג, וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ רֵיין" – דָאס וֶועט רַאטֶעוֶוען דֶעם דוֹר.

וואוֹיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט, זֵיי קוּקְן אוֹיף דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער; זֵיי קוּקְן נִישְׁט אוֹיף נַארִישֶׁע כָּבוֹד, נַארִישֶׁע סְבָרוֹת.

**אַ טֵייל זָאגְן: אוֹיבּ מִיר וֶועלְן וַוארְטְן נָאךְ אַפָּאר יָאר – וֶועט דֶער בָּחוּר אָדֶער טָאכְטֶער וֶוערְן בֶּעסֶער, עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען מַשְׁלִים זַיין בַּתּוֹרָה וַעֲבוֹדָה;** הֲבֵל הֲבָלִים, נַארִישְׁקֵייטְן, עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; מֶען וֶוערְט נִישְׁט בֶּעסֶער, מֶען וֶוערְט נָאר עֶרְגֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין כט:): "אִם אִי אֶפְשָׁר לוֹ בְּלֹא אִשָּׁה", אוֹיבּ אִיז אִים נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ זַיין אָן אַ וַוייבּ, "יִשָּׂא אִשָּׁה", זָאל עֶר חֲתוּנָה הָאבְּן, "וְאַחַר כַּךְ יִלְמֹד תּוֹרָה", אוּן נָאכְדֶעם לֶערְנֶען תּוֹרָה; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען קֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם): "בֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וְלֹא נָשָׂא אִשָּׁה", אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי צְוָואנְצִיג, "כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה", וֶועט עֶר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס, וַוייל הֶרְגֵל נַעֲשֶׂה טֶבַע, וָואס מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ טוּן – דָאס וֶוערְט אַ נַאטוּר, אוּן וִויבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין וַוייבּ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעוואוֹינְט צוּ נִישְׁט גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן וְכוּ' – וֶועט זִיךְ דָאס צִיעֶן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן; וִוי קֶען מֶען זַיין קְלוּגֶער וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים? דָאס אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם? דָאס אִיז עֶרְלִיכֶע עֶלְטֶערְן?

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דִי עֶלְטֶערְן וָואס וֶועלְן זִיךְ מֵיינֶען נָאךְ אַזוֹי דִי טוֹבָה פַאר דִי קִינְדֶער וְכוּ'; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַנְדֶערְשׁ וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, אֵיינֶער וָואס זָאגְט אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַ נַאר, אַ טִיפֵּשׁ; אַז מֶען וַוארְט אוּן מֶען וֶועלְט זִיךְ – וֶוערְט מֶען נִישְׁט בֶּעסֶער, עֶס אִיז לִיגְנְט, עֶס אִיז שֶׁקֶר וִוי עֲבוֹדָה זָרָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסָחִים קיב:): "מִצְוָה וְגוּף טָהוֹר", וֶוער עֶס וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ רֵיינְקֵייט, מִיט אַ הֵיילִיגְקֵייט, "נוֹשֵׂא אִשָּׁה", זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן, "וְלוֹ בָּנִים", עֶר זָאל זַיין מִיט אַ וַוייבּ אוּן הָאבְּן קִינְדֶער; וַוייל וִוי לַאנְג מֶען אִיז נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז מֶען אַ הַאלְבֶּע גוּף.

נָאךְ זָאגְן זֵיי (יְבָמוֹת סב:): "כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, עֶר לֶעבְּט אַלֵיינְס אָן אַ וַוייבּ, "שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה", דֶער לֶעבְּט אָן קַיין שִׂמְחָה, "בְּלֹא בְּרָכָה", דֶער לֶעבְּט אָן קַיין בְּרָכוֹת, "בְּלֹא טוֹבָה", דֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֵיינְט גוּט, "בְּלֹא תוֹרָה", מֶען הָאט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, "בְּלֹא חוֹמָה", מֶען לֶעבְּט אָן קַיין מוֹיעֶר, "בְּלֹא שָׁלוֹם", אָן קַיין פְרִידְן; דִי אַלֶע זַאכְן הָאט מֶען נִישְׁט פַאר דִי חֲתוּנָה, דֶער מֶדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ב) לֵייגְט צוּ נָאךְ זַאכְן וָואס פֶעלְט פַארְ'ן חֲתוּנָה הָאבְּן, "בְּלֹא עֵזֶר", מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הֶעלְפֶער, "בְּלֹא כַּפָּרָה", מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַארְצֵייעֶר, "בְּלֹא חַיִּים", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין לֶעבְּן.

אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט יוּנְג אוּן חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער יוּנְג,

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< שו"ת ברסלב

וַוייל נָאר אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה - אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (הַאֲזִינוּ רצו.): "מַאן דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָּא, אִקְרֵי פְּלַג גּוּפָא", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה - אִיז אַ הַאלְבֶּע זַאךְ, "וְלֵית בִּרְכָתָא שַׁרְיָא בְּמִלָּה פְּגִימָא וַחֲסֵירָא, אֶלָּא בַּאֲתָר שְׁלִים", דִי בְּרָכָה קֶען נִישְׁט זַיין אִין אַ הַאלְבֶּע זַאךְ, נָאר אִין אַ גַאנְצֶע זַאךְ; נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר (אַחֲרֵי, נט:) "רֶבִּי יִצְחָק אָמַר", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יִצְחָק זָאגְט: "בְּכָל אֲתַר דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָּא, לָאו כְּדַאי לְמֶחֱמֵי אַפֵּי שְׁכִינְתָּא", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה - אִיז נִישְׁט וֶוערְד צוּ זֶען דִי פָּנִים פוּן דִי שְׁכִינָה; פְּרִיעֶר אִין פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא (ה.) שְׁטֵייט: "כָּל מַאן דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָּא", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה, "כָּל שְׁבָחָא אַעְדּוֹי מִנֵּיהּ", דֶער הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם לוֹיבּ, "וְלָאו הוּא בִּכְלָלָא דְּאָדָם", דֶער אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְנְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, "וְלֹא עוֹד, אֶלָּא דְּלָאו אִיהוּ כְּדַאי לְאִתְבָּרְכָא", אוּן עֶר אִיז נִישְׁט וֶוערְד צוּ וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט.

וַוארְף אַוֶועק דַיינֶע חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זָאג נִישְׁט אָפּ קַיין אֵיין שִׁידוּךְ; שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ קַיין אֵיין טָאג, קוּק וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (קִידּוּשִׁין כט:) רַב חִסְדָּא הָאט אוֹיסְגֶערִימְט פַאר רַב הוּנָא דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רַב הַמְנוּנָא, אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, הָאט רַב הוּנָא גֶעבֶּעטְן פוּן רַב חִסְדָּא, אִיךְ וִויל אִים זֶען; וֶוען עֶר קוּמְט צוּ דִיר זָאלְסְטוּ אִים אַהֶער שִׁיקְן. "כִּי אָתָא, חַזְיֵיהּ דְּלָא פָּרִיס סוּדָרָא", וֶוען רַב הַמְנוּנָא אִיז גֶעקוּמֶען הָאט רַב הוּנָא גֶעזֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַלִית, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "מַאי טַעְמָא לָא פְּרִיסַת סוּדָרָא", פַארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט מִיט קַיין טַלִית, הָאט אִים רַב הַמְנוּנָא גֶעעֶנְטְפֶערְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, "אַהֲדְרִינְהוּ לְאַפֵּיהּ מִינֵּיהּ", הָאט רַב הוּנָא אַוֶועק גֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים פוּן אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט: "חֲזִי דְּלָא חֲזִית לְהוּ לְאַפֵּי עַד דְּנָסְבַת", דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר, וַוייל אִיךְ וִויל נִישְׁט זֶען דַיין פָּנִים בִּיז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בָּלָק תשפ"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# חנוכת הבית פאר'ן קרן הדפסה היכל הקודש

ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה, מיט גרויס פרייד גרייט מען זיך שוין ענדליך אויף דעם חנוכת הבית פאר'ן נייעם הערליכן גיגאנטישן בנין קרן הדפסה היכל הקודש אין ליבערטי. דער ראש ישיבה שליט"א האט באשטימט דער דאטום אויף זונטאג ראש חודש אלול הבעל"ט אלס די פאסיגע טאג צו פייערן דעם חנוכת הבית.

דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין א בריוו פארגאנגענעם מאנטאג חקת "די פאסיגע צייט פאר'ן חנוכת הבית פונעם נייעם בנין "קרן הדפסה היכל הקודש" - איז ראש חודש אלול, זונטאג פרשת שופטים. זונטאג איז א טאג וואס די אלע וואס ארבעטן קענען דאס מיטהאלטן, אויך קען עס זיין א ראש חודש סעודה, און אויך א הכנה צום רבינ'ס ראש השנה. די גאנצע וועלט איז אנגעהאנגען אין רבינ'ס ראש השנה (כמובא בחיי מוהר"ן, סימן תה); די בעסטע פלאץ וואו זיך צו גרייטן אויף ראש השנה - וועט זיין אינעם נייעם בנין וואו מען דרוקט הונדערטער טויזנטער ספרים צו ברענגען אלעמען קיין אומאן. איך בעט דיר זייער, טייל נישט קיין טייערע מתנות. אנשי שלומינו דארפן נישט די זאכן, בפרט די וואס געבן פאר הדפסה, די וואס האבן אן הרגשה אינעם רבינ'ס זאך - די דארפן נישט טייערע זאכן. איך זאג דיר, עס איז א שאד די צייט, א שאד די געלט".

אין אפיס פון בית הדפוס קאכט און רודערט מיט די צוגרייטונג צום זעלטענעם מסיבה, וואס מאכט זיך נישט יעדן טאג, ווען עס איז אנגעקומען דער גרויסער מאמענט צו באנייען דעם גרויסע שיינעם בנין נאר פאר דעם איינעם ציל צו דרוקן ווי מער ספרים און קונטרסים, גליונות און נאך, און פארשפרייטן דעם אייבערשטענ'ס נאמען אויף די גאנצע וועלט.

די מסיבה אנטשפרעכט צו זיין מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף גאר שיין, מיט א הערליכע רייכע פראגראם, וואס לוינט נישט צו פארפאסן. אויך וועט מען צווישן אנדערע באערן די וואס האבן צושטייער געגעבן פאר'ן אפקויף פונעם בנין.

די אלע נדבנים וואס האבן נאכנישט אויסגעצאלט זייער התחייבות, אדער די וואס ווילן זיך נאך משתתף זיין, קענען זיך פארבינדן מיט'ן גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו, אויף **347-578-4449**.

מער פרטים וועט געמאלדן ווערן בקרוב מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

**על ידי הפצת ספרי רבינו, נביא את משיח צדקינו!**

***

# באקומט בחנם דעם גליון "חזית איש" אויף זוהר, דורך א סובסקריבשאן צום "קרית ברסלב" צייטונג

דער אלעמען באקאנטער ברסלב'ע צייטונג "קרית ברסלב בלעטל" דארף שוין נישט קיין גרויסע הקדמות. דער הערליכער פאמיליע מאגאזין וואס איז מלא תוכן ויראת שמים, ווער נאר כסדר מער און מער אויסגעברייטערט און פארשענערט, פון וואס יעדער האט אזויפיל הנאה. אינעם לעצטן וואך אליינס איז צוגעקומען נאך צוויי הערליכע וועכנטליכע פראיעקטן אין די קינדער אפטיילונג, איינס "א מעשה פון תפלה פאר קינדער" ווי קינדער וועלן ארײנשיקן א מעשה'לע פון תפלה מיט עטליכע בילדער געמאלן פון די מעשה, וואס וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף נאך שטערקער ארײנבאקן אין די קינדער די זאך פון תפלה און אמונה. זייט ביי זייט איז צוגעלייגט געווארן נאך א רובריק מיטן נאמען "נאך וועם הייס איך", ווי די קינדער וועלן ארײנשיקן וועכנטליך אביסל איבער דעם צדיק אדער צדיקת נאך וועמען זיי הייסן, און ווי זיי שטרעבן און האפן צו וואקסן אן ערליכער איד און גיין אין די וועגן פון אונזערע זיידעס און רבי'ס. דאס וועט בעזרת השי"ת ארײנגעבן א שטאלץ אין אונזערע קינדער איבער אונזער הייליגער אפשטאם און א בענקעניש צו גיין אין זייערע וועגן.

נאכדעם וואס דער הערליכער בלעטל איז אריבער אן אומגלויבליכער סוקסעספולער יאר, ווען מיט סייעתא דשמיא איז מען ארויסגעקומען יעדע וואך מיט גאר א רייכער תוכן, וואס האט מהנה געווען אזויפיל אידישע קינדער, איז דער קרן הדפסה ארויסקומען מיט א פראמאשען אז די אלע שרייבן זיך איין צו באקומען דעם הערליכן צייטונג אויף די פאסט, פון יעצט ביז חמשה עשר באב הבעל"ט, וועלן באקומען א ספעציעלע מתנה בחנם, די נייע וועכנטליכע קונטרס "חזית איש", א שטיקל זוהר מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, פאר דריי חדשים, צוזאמען מיט זייער סובקריבשאן.

דער נייער גליון "חזית איש" וואס האט אנגעהויבן ערשיינען מיט עטליכע וואכן צוריק, האט שוין געשלאגן טיפעווארצלען ביי אנשי שלומינו, די מפיצים זאגן אז עס ווערט ממש צוכאפט פון זייער הענט. אנשי שלומינו טרונקען מיט דורשט די הייליגע ווערטער פונעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי אין זוהר הקודש, נאכדערצו ווען עס קומט באגלייט מיט דעם זיסן געשמאקן פירוש פונעם ראש ישיבה, וואס געבט אונז צו פארשטיין לעובדא ולמעשה די ווערטער פונעם הייליגן זוהר, וואס מיר קענען זיך ארפלערנען אויף אונזער לעבן ווי אזוי עס צו פארבעסערן ברוחניות ובגשמיות.

כאפט אריין, שרייבט אייך שוין איין, רופט אדער טעקסט 845-640-1743, און פארגעסט נישט צו בעטן דעם פראמאשען.

**הראשונות הנה באו, והחדשות אני מגיד!**

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **אפרים פעלדמאן** הי"ו

צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

***

מו"ה **שמשון הערש טייטלבוים** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## אוי גלות גלות...

**שוין אזוי לאנג וואס מיר ליידן און ווערן געפייניגט אין דעם שווערן גלות, ובפרט אין אונזער אייגענע גלות, ווי אזוי זעט מען זיך ארויס דערפון?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 2, 53**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 541152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 541152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**